# DOS KLEYNE TSIGAYNERL-דאָס קליינע ציגײַנערל

**Paroles : Itzik Manger  Musique: Rubin Hertz**

| | |
|---|---|
| Kh'bin a tsigaynerl a kleyner. | כ'בין אַ ציגײַנערל אַ קליינער |
| Ober, vi ir zet, a sheyner. | אָבער, ווי איר זעט, אַ שיינער. |
| Borves, hungerik un freylekh, | באָרוועס, הונגעריק און פֿריילעך , |
| Leb ikh mir vi a ben-meylekh. | לעב איך מיר ווי אַ בן-מלך. |
| Kh'veys nit vu ikh bin geboyrn, | כ'ווייס ניט וווּ איך בין געבוירן, |
| Mayn mame t'mikh in step farloyrn, | מײַן מאַמע ט'מיך אין סטעפּ פֿאַרלוירן , |
| Mayn tatn hot men oyfgehangen, | מײַן טאַטן האָט מען אויפֿגעהאַנגען , |
| Ven er iz ganvenen gegangen. | ווען ער איז גנבֿענען געגאַנגען. |

| | |
|---|---|
| Ekh, du fidl, fidele du mayn, | עך, דו פֿידל, פֿידעלע דו מײַן , |
| Shpil mayn troyer tsu zey | שפּיל מײַן טרויער צו זיי |
| in harts arayn. | אין האַרץ אַרײַן, |
| Ekh, du khaver mayn, | עך, דו חבֿר מײַן, |
| Ver veyst vi du aleyn, | ווער ווייסט ווי דו אַליין , |
| Az eybik, eybik, royt iz | אַז אייביק, אייביק, רויט איז |
| Blut un vayn. | בלוט און ווײַן. |

| | |
|---|---|
| Fun tatn geyrshnt hob ikh dem fidl, | פֿון טאַטן געירשנט האָב איך דעם פֿידל, |
| Shpil ikh oyf ir «didl, didl», | שפּיל איך אויף איר «דידל, דידל», |
| In mayn fidl kent ir hern | אין מײַן פֿידל קענט איר הערן |
| Mayn mames tsar, | מײַן מאַמעס צער, |
| mayn shvesters trern, | מײַן שוועסטערס טרערן , |
| In mayn fidl ligt gefangen , | אין מײַן פֿידל ליגט געפֿאַנגען |
| Vi m'hot mayn tatn oyfgehangen. | ווי מ'האָט מײַן טאַטן אויפֿגעהאָנגען. |
| Ven tsum toyt m'hot im getribn, | ווען צום טויט מ'האָט אים געטריבן , |
| Iz di fidl mir geblibn. | איז די פֿידל מיר געבליבן. |

| | |
|---|---|
| Ekh, du fidl, fidele du mayn, | עך, דו פֿידל, פֿידעלע דו מײַן , |
| Shpil mayn troyer | שפּיל מײַן טרויער |
| tsu zey in harts arayn. | צו זיי אין האַרץ אַרײַן, |
| Ekh, du khaver mayn, | עך, דו חבֿר מײַן , |

Ver veyst vi du aleyn,
Az eybik, eybik, royt iz
Blut un vayn.

ווער ווייסט ווי דו אַליין ,
אַז אייביק, אייביק, רויט איז
בלוט און ווײַן.

Dos lid fun roydefn un yogn,
Dos lid fun nekhtikn, nisht togn,
Kh'bin a tsigaynerl a kleyner,
Kh'zing vi s'zingt nisht keyner,
keyner.
Vos far a lid s'vet aykh gefeln,
Kent ir zikh bay mir bashteln,
Batsoln darft ir bloyz a drayer,
S'kost mayn veytik aykh nisht
tayer.

דאָס ליד פֿון רודפֿען און יאָגן ,
דאָס ליד פֿון נעכטיקן, נישט טאָגן ,
כ׳בין אַ ציגײַנערל אַ קליינער,
כ׳זינג ווי ס׳זינגט נישט קיינער, קיינער.
וואָס פֿאַר אַ ליד ס׳וועט אײַך געפֿעלן ,
קענט איר עס ביײַ מיר באַשטעלן ,
באַצאָלן דאַרפֿט איר בלויז אַ דרײַער,
ס׳קאָסט מײַן ווייטיק אײַך נישט טײַער.

Ekh, du fidl, fidele du mayn,
Shpil mayn troyer tsu zey
in harts arayn.
Ekh, du khaver mayn,
Ver veyst vi du aleyn,
Az eybik, eybik, royt iz
Blut un vayn.

עך, דו פֿידל, פֿידעלע דו מײַן ,
שפּיל מײַן טרויער צו זיי
אין האַרץ אַרײַן ,
עך, דו חבֿר מײַן ,
ווער ווייסט ווי דו אַליין ,
אַז אייביק , אייביק , רויט איז
בלוט און ווײַן.